# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:13
מוצאי יו"ט......................8:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........שמואל-א כ"ח-כ"ט
בבלי.........................שבת ל"ד
ירושלמי...............פסחים ס"ב
תוספתא......................זבים ה'
רמב"ם...................נחלות א'

יום טוב פסח, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 29 (443)

## זיך פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן אַ מַצָה אִין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַז מֶען הַאלְט אַ מַצָה אִין דִי הַאנְט, הַאלְט מֶען גָאט אִין דִי הַאנְט". מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָה אוּם פֶּסַח. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע פְלֶעגְט קוּשְׁן דִי מַצוֹת וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט. אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ (מַסֶכֶת פְּסָחִים, בְּאֵר הֵיטֵב או"ח סִימָן תע"ז ס"ק א') אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן קוּשְׁן דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת.

אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פָּרָשַׁת בֹּא דַף מ"א.) וֶוערְן דִי מַצוֹת אָנְגֶערוּפְן "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא" - אַ מַאֲכָל פוּן אֱמוּנָה. מִיט יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָה וָואס אַ אִיד עֶסְט, גֵייט אַרַיין אִין אִים אֱמוּנָה. פַארְוָואס עֶסְט מֶען דֶען מַצָה? נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה. אִין אַן אַנְדֶער פְלַאץ אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה דַף קפ"ג:) רוּפְט עֶר אָן דִי מַצוֹת "מֵיכְלָא דְאַסְוָתָא" - אַ מַאֲכָל פוּן רְפוּאָה. דָאס עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָה בְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, סֵיי אַ רְפוּאָה בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי אַ רְפוּאָה בְּגַשְׁמִיוּת.

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָה וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אִינְגַאנְצְן פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן; עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע סָארְט קְרֶענְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי צְוֵויי זַאכְן, אֱמוּנָה אוּן רְפוּאָה, גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') אַז אַלֶע קְרֶענְק וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע קְרֶענְק אַזוֹי, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן גֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן אוּן אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעמָאל בַּאזָארְגְט, עֶר זָארְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶס וֶועט זַיין, עֶר הָאט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען עֶפֶּעס גָאר גֶעפֶערְלִיכֶע זַאכְן, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אַ זַאךְ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס פַּיינִיגְן אִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט נֶערְוֶוען קְרֶענְק פוּן וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ גָאר אַסַאךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְגֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן אִים אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע זַיינֶע קְרֶענְק.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי מַצוֹת. נִישְׁט אַז מֶען זָאל מַאכְן אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט פוּן דִי מַצוֹת, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן דִי מַצָה אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן וֶועלְכֶע קֶענֶען צוּמָאל אֲפִילוּ זַיין אַ סַכָּנָה, מֶען קֶען וֶוערְן אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם עִיקָר אַז מֶען עֶסְט דִי מַצָה נָאר וַוייל מִיר גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עֶסְן דִי מַצָה, אוּן מִיט דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶסְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם אַ שְׁוֶוערֶע קֻשְׁיָא, מִיר זֶעעֶן דָאךְ וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעבְּן אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אִין שְׁטוּבּ; מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, מֶען רֵייְנִיגְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אַז עֶס זָאל נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיי אַ אִיד אַ שְׁטִיקְל חָמֵץ אוּם פֶּסַח; אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶעט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, לֵיידֶער פַאלְט מֶען יָא דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת אִינְמִיטְן דִי יָאר.

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין חָמֵץ אוּם פֶּסַח, עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן מַצָה אוּם פֶּסַח, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים נָאר דֶערְמַאנֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן. אַנְשְׁטָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פִילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד', ז') "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְווֹת

<<<<<<

## א גוט ווארט

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת, אִין דִי הֵיילִיגֶע כְּזֵיתִים", אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹת.

אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן - דִי סוּכָּה; אַ גַאנְצְן עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף דִי סוּכָּה, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט".

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ דָאס נָאכְמַאכְן, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת, אִין דִי הֵיילִיגֶע כְּזֵיתִים", וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע פֶּסַח.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-א' תשי"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זַיי מְחַזֵק דַיין מִשְׁפָּחָה נָאךְ דִי טְרַאגֶעדְיֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן דַיין טַאטְן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דָא אַפָּאר טְרֵייסְט וֶוערְטֶער, "הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלָיִם".

יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס דוּ דַארְפְסְט וַוייזְן שְׁטַארְקֵייט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, בִּפְרַט פַאר דַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט. דוּ דַארְפְסְט מְחַזֵק זַיין אַלֶעמֶען מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר טוּט נָאר גוּטְס. מִיר אִידְן גְלֵייבְּן אִין צְוֵויי וֶועלְטְן, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'גֶעשְׁטָארְבְּן', בַּיי אוּנְז אִיז דָא נָאךְ אַ לֶעבְּן אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן. אַ אִיד הָאט אַ נְשָׁמָה וָואס גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט בַּאקוּמְט זִי שְׂכַר פַאר יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן אוּן מֶען בַּאקוּמְט שְׂכַר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דִי קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ טוּעֶן וַוייטֶער. אַזוֹי זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער: "זֵיידִי אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, זֵיידִי אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל, אִין גַן עֵדֶן"; בַּיי גוֹיִם שְׁטַארְבְּט מֶען, בַּיי אוּנְז אִידְן אִיז דָא צְוֵויי וֶועלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי דֶער רוּקְן בֵּיין פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, בִּפְרַט פַאר דַיין טֵייעֶרֶע מַאמֶע; רֶעד דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דַיין טַאטְנְ'ס נְשָׁמָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש"פ)

# מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט

זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אַ שָׁאד אַרַיין צוּ גֵיין אִין יוֹם טוֹב נִישְׁט בְּשָׁלוֹם. בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט. יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן אַרוֹיס גֵיין לְחֵרוּת, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אַלֶע קַטְנוּת, פוּן אַלֶע מַחְלוֹקֶת; מִיר לָאזְן אִיבֶּער פַּרְעֹה, מִיר לָאזְן אִיבֶּער דִי מִצְרִים, מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט. שׁוֹין צַייט אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם רִיכְטִיגְן חָמֵץ - דִי גַאֲוָה, דָאס זִיךְ גְרוֹיסְהַאלְטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-א' תש"פ)

<<<<<<

כְּרִמּוֹן" - אֲפִילוּ דִי לֵיידִיגְגֵייעֶר צְוִוישְׁן דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת וִוי אַ מִילְגְרוֹים, אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן. דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, עֶר וִויל נָאר אַז אַ אִיד זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין זַאק אַרַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זַיין חֵשֶׁק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר טָארְן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר דַארְף אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אוּן מִיט דֶעם זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב).

דֶער הֵיילִיגֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז לֵיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג בִּיז עֶר אִיז ל"ע גֶעוָוארְן אַ גַלַח אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף. דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז זַיין תַּלְמִיד זָאל אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דֶעם תַּלְמִיד אוּן אִים אַלֵיין פְרֶעגְן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים.

הָאט דֶער תַּלְמִיד דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם נוֹדַע בִּיְהוּדָה. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן "טֶעג", יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט.

אֵיינְמָאל אִין אַן עֶרֶב פֶּסַח הָאט דֶער בָּחוּר גֶעגֶעסְן בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער בַּעַל הַבַּיִת'טֶע הָאט גֶעמַאכְט אַ קַארְטָאפְל קוּגְל, אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֵוייצְל אִינֶעם קוּגְל. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶסְן דֶעם קוּגְל, אוּן דֶער בָּחוּר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה מִיט דִי שְׁאֵלָה. דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַלְפֵּל זַיין אִין דִי הֲלָכָה, "עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען עֶס מַתִּיר, אוּן עֶס אִיז דָא פּוֹסְקִים וָואס אֲסְרְ'ן עֶס", "אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה" - הָאט דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה אוֹיסְגֶעפִירְט - "הַאלְט אִיךְ אַז עֶס אִיז אָסוּר" אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בָּחוּר פַארְוָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אַזוֹי.

דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח, וֶוען חָמֵץ טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אוּן מַצָּה קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן, אוּן פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט דָאךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע שִׁיטוֹת וָואס הַאלְטְן אַז מֶען מֶעג עֶס יָא עֶסְן... גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם גַאנְצְן קוּגְל... אוּן פַארְ'ן בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט עֶס גֶע'אֲסַרְ'ט, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט דֶעם קוּגְל.

גְלַייךְ נָאכְ'ן אוֹיפְעֶסְן דֶעם קוּגְל הָאט אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר, "קוּק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיזְט אַזוֹי שְׁטַארְק נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן חָמֵץ אוּם פֶּסַח וָואס דָאס אִיז אַזוֹי הַארְבּ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יֵאוּשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וַוייל עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר.

בַּיינַאכְט וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעדַארְפְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הַמִּטָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ "אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּן הַיינְט אַזַא הַארְבֶּער אִיסוּר", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר שׁוֹין אַוַדַאי זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַן אִיסוּר כָּרֵת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין סַיי וִוי אָפְּגֶערִיסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, פוּן אֵיין עֲבֵירָה צוּ נָאךְ אַן עֲבֵירָה, בִּיז עֶר אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז עֶר הָאט זִיךְ ל"ע גֶע'שְׁמַדְ'ט אוּן גֶעוָוארְן אַ גַלַח, אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים, בִּיז עֶר הָאט אִים מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַלֶע זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן, נָאר מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט, קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט דֶערְקֵייקְלֶען בִּיזְ'ן אַוֶועקְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רח"ל.

פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְק זִיךְ צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קוּקְט זִיךְ גוּט אָן אוּן זֶעט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז שׁוֹין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר וֶוערְט טַאקֶע אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם לִימוּד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַבִּי כַּהֲנָא) אַז מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזַא בֶּגֶד וָואס וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (נט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פָארְט אַרוּם צוּ אַלֶע קִבְרֵי צַדִיקִים אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט פוּן טְבֶרְיָה.**

### רסב

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר׳ יִצְחָק אַז עֶר זָאל פָארְן קַיין חֵיפָה אוּן דִינְגֶען אַ שִׁיף צוּ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן. ר׳ יִצְחָק אִיז טַאקֶע גְלַייךְ אַהִינְגֶעפָארְן דִינְגֶען אַ שִׁיף.

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין חֵיפָה, אִיז דֶעמָאלְט אָנְגֶעקוּמֶען אַ שִׁיף מִיט אַסַאךְ אִידְן, צְוִוישְׁן זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיווְקָא זי״ע, אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ מְשׁוּלָחִים וָואס זֶענֶען גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּזַאמְצוּנֶעמֶען גֶעלְט אִין חוּץ לָאָרֶץ פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע אִידְן, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט דָאס גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי סְ׳אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דֶער פַּחַד פוּן דֶעם מָסוּר, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר ר׳ יִצְחָק, אַז עֶר זָאל עֶס טְרָאגְן אוֹיף טְבֶרְיָה, אוּן בַּיי זֵיי זָאלְן מֶען גָארְנִישְׁט טְרֶעפְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי מְסִירוּת פוּן דֶעם מָסוּר וָואס הָאט גֶע׳מַסְרְ׳ט אַז מְ׳בְּרֶענְגְט גֶעלְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דַאן הָאט ר׳ יִצְחָק שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן אַ בִּילֶעט פַארְ׳ן שִׁיף, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעמוּזְט צוּרִיקְגֵיין קַיין טְבֶרְיָה צוּ טְרָאגְן דָאס גֶעלְט, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין טְבֶרְיָה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט גְלַייךְ צוּרִיק קוּמֶען בְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְט פוּן דִי מְשׁוּלָחִים. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, ״וַוארְשֵׁיינְלִיךְ ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זָאלְן נָאךְ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט״.

### רסג

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מְ׳זָאל דִינְגֶען אֵייזְלֶען צוּ גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע הָאט דָאס אָבֶּער גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

### רסד

דֶערְנָאךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיווְקָא זי״ע, בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים פְּרִיוַואט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיווְקָא זי״ע, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע, וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְדֶעם גֶעהַאט אַ מַחְלוֹקֶת אִיבֶּער דִי גֶעלְט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ צֶעטֵיילְן, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע, אוּן אַסַאךְ צַדִיקִים - צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיווְקָא זי״ע - הָאבְּן גֶעהַאלְטְן מִיטְ׳ן בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע, אָבֶּער דָארְט בַּיי יֶענֶע סְעוּדָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שָׁלוֹם גֶעמַאכְט צְווִישְׁן זֵיי.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מֶען גֶערֶעדְט דִבְרֵי תּוֹרָה וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוּן אִינְצְווִישְׁן הָאט רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיווְקָא זי״ע גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא לז.) אַז וֶוען מְ׳ווֵייסְט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען עֶס בַּאלַאנְגְט דִי הוּנְדֶערְט אוּן דִי צְווֵיי הוּנְדֶערְט זוּז, זָאל מֶען עֶס אַוֶועקְלֵייגְן בִּיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן צוּ וֶועמֶען עֶס גֶעהֶער. הָאט דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָאךְ נָאר אֵיין עֵד, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר בַּאשְׁטֶעטִיגְן צוּ וֶועמֶען דָאס גֶעלְט בַּאלַאנְגְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט דָאךְ (דְבָרִים יז, ו) ״עַל פִּי שְׁנֵי עֵדִים אוֹ עַל פִּי שְׁלֹשָׁה עֵדִים יָקוּם דָּבָר״, אַז מְ׳דַארְף הָאבְּן צְווֵיי עֵדִים צוּ בַּאשְׁטֶעטִיגְן אַ זַאךְ.

יֶעדֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁוִויגְן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן. מְ׳הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז סְ׳גֶעפֶעלְט אִים נִישְׁט דִי קַשְׁיָא, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן מוּטְשֶׁען דֶעם רֶבִּי׳ן עֶר זָאל זָאגְן אַ תֵּירוּץ.

הָאט רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי כִּלְאַחַר יָד, ״חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (עֵדִיּוֹת ח, ז) אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דִי וֶועלְכֶע מְ׳הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען מִיט גֶעוַואלְד, אוּן צוּ מְקָרֵב זַיין דִי וֶועלְכֶע מְ׳הָאט דֶערְוַוייטֶערְט מִיט גֶעוַואלְד, אוּן דָאס מֵיינְט אַז עֶר וֶועט דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם שֶׁקֶר אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֱמֶת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קד.) אַז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן ״שֶׁקֶר״ זֶענֶען נָאנְט אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע, אוּן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן ״אֱמֶת״ אִיז וַוייט אֵיינְס פוּן אַנְדֶערְן, דָאס גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא טוּן, עֶר צוּרִיק צוּזַאמְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֱמֶת וָואס מְ׳הָאט דֶערְוַוייטֶערְט, אוּן מְ׳הָאט דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם שֶׁקֶר וָואס אִיז יֶעצְט לֵיידֶער זֵייעֶר נָאנְט. קוּמְט אוֹיס אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא׳ס אַרְבֶּעט וֶועט זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אֱמֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן בִּכְלַל צוּקוּמֶען דֶעמָאלְט צוּ זַיין עֵדוּת׳שַׁאפְט, וַוייל דֶער לִיגְנֶער וֶועלְן אַלֵיין מוֹדֶה זַיין אוֹיפְ׳ן אֱמֶת, אַז דִי הוּנְדֶערְט זוּז אִיז זַיינְ׳ס אוּן דִי צְווֵיי הוּנְדֶערְט זוּז אִיז יֶענֶעמְ׳ס״.

דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן פַארְ׳ן עוֹלָם דָארְט, אוּן זֵיי הָאבְּן צוּגֶעשְׁטִימְט דֶערְצוּ.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי״ה גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִיק״

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח פְרֵיילִיכֶערְהֵייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ אַ יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן שִׂמְחָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פוּן אַ רוּחְנִיּוּת׳דִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט. אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן וִוי אַזוֹי מְ׳דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְ׳ן רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מְ׳קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ נָארְמַאלְן אוֹפְן, נִישְׁט מִיט קַיין מְשׁוּגַעַת׳ן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י״ח אָדָר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם סַ״מֶ אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): ״עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ״, עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): ״אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָׁה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד לה): ״אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה׳, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם״, וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ – אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קסט).

בִּפְרַט וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, וַוייל פֶּסַח גֵייט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): ״חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם״, דַארְף מֶען נָאכְמֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן דֶעם אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אִים אַוֶועק גַנְבְ׳נֶען זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן זַיינֶע קְדוּשׁוֹת, עֶר זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער טַאטֶע זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ צֶעאַמְפֶּערְן וְכוּ׳.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז ׳שְׁטוֹיבּ אִיז חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי קָרְבַּן פֶּסַח. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: ״מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט פֶּסַח׳דִיג אַז שְׁטוֹיבּ אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסַח״, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַשֶּׁהוּ כַּעַס אִיז מִדְאוֹרַיְיתָא אוּן אַ מַשֶּׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָּמוּר - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): ״וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת״, דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): ״אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו״, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת כה.): ״לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתָּם חוּמְרוֹת, אָבֶּער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין

<<<<<<



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס ״עצתו אמונה״.**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

און מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִידוּרִים וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): ״אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי׳ וְכוּ׳״, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן און מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת; עַיֵין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג און עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ׳ אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ און נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ הָאבְן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?׳ דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען ״קְוַואל וַואסֶער״, וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן און נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אַלֵיינְס״.

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין הַקְדָמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שִׂמְחָה א) ״כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשע״ח)

# נִישְׁטָא פַארְוָואס צוּ זָארְגְן

יֶעדֶער פוּן אוּנְז הָאט פִילֶע סִיבּוֹת פַארְוָואס זִיךְ צוּ זָארְגְן, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט דַאֲגוֹת אַ גַאנְצְן טָאג, מְ׳זָארְגְט זִיךְ אוֹיף דָאס און אוֹיף יֶענְץ, ״וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן?״, סְ׳אִיז אַלְץ דָא גֶענוּג און נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ זָארְגְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיטְ׳ן זִיךְ זָארְגְן טוּט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף, מְ׳וֶוערְט נָאר נֶערְוֶועז און אָנְגֶעצוֹיגְן, און מְ׳מַאכְט אוֹיךְ אוּמְרוּאִיג אַלֶע אַרוּמִיגֶע, און דָאס הַרְגְ׳ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): ״לֹא תָּעֵיל דַּוְיָא בְּלִבָּךְ, דְּגַבְרֵי גִּבָּרִין קְטָלָא דַּוְיָא״, נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין דַאֲגוֹת אִין דַיין הַארְץ, וַוייל דִי דַאֲגוֹת הָאבְן שׁוֹין גֶע׳הַרְגְ׳ט גָאר שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און עֶר אַלֵיין פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיט אֵיין צִיל, אַז מִיר זָאלְן אִים אַנֶערְקֶענֶען, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען פוּן אִים, און מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן אִים. אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְ׳ן מֶענְטְשְׁן אִיז נָאר אַ דֶערְמַאנוּנְג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

אַנְשְׁטָאט צוּ זִיצְן און דַאֲגָה׳ן, און גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן דֶערְמִיט, לָאמִיר עֶנְדֶערְשׁ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע צָרוֹת וָואס מִיר הָאבְן, אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אַלֶע זַאכְן אוֹיף וָואס מִיר זָארְגְן זִיךְ, און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן, און דַאן וֶועלְן מִיר אָנְהוֹיבְּן לֶעבְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, ט, א): ״אִם בָּאָה צָרָה לְיִשְׂרָאֵל, לֹא יִצְעַק לֹא לְמַלְאַךְ גַּבְרִיאֵל וְלֹא לְמַלְאַךְ רְפָאֵל, אֶלָּא לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ״, וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה אוֹיף אַ אִיד, זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן צוּ מַלְאַךְ גַּבְרִיאֵל אָדֶער צוּ מַלְאַךְ רְפָאֵל, עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. נִיטְאַמָאל צוּ אַ מַלְאָךְ זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן און זִיךְ בֶּעטְן וֶוען אַ אִיד הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין זָאל עֶר זִיךְ וֶוענְדְן, און דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): ״אַל תֵּצַר צָרַת מָחָר, כִּי לֹא תֵדַע מַה יֵּלֶד יוֹם, שֶׁמָּא מָחָר בָּא וְאֵינֶנּוּ, נִמְצָא מִצְטַעֵר עַל הָעוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ״, זָארְג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי צָרוֹת פוּן מָארְגְן, וַוייל דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער מָארְגְן וֶועט בְּרֶענְגְן, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ שׁוֹין מָארְגְן נִישְׁט דָא זַיין, און דוּ הָאסְט זִיךְ אוּמְזִיסְט גֶעזָארְגְט אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס אִיז נִישְׁט דַיינְ׳ס בִּכְלָל.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט און עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, סְ׳אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט און עֶר פִירְט אוּנְז אוֹיף יֶעדְן טְרִיט און שְׁרִיט, דַאן וָואלְט עֶר זִיכֶער נִישְׁט גֶע׳דַאֲגָה׳ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז, און נֶעבְן אוּנְז, און עֶר פִירְט אַלֶעס מִיט אַ גוּטְן און פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, און מִיר הָאבְן זִיךְ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ זָארְגְן.

וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, דַאן וָואלְט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל און אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. סְ׳אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן וִוי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּ גֵיין אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, און זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע זָארְגְן, אִים אִיבֶּערְגֶעבְן אַלֶע פְּחָדִים, אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מְ׳דַארְף; מְ׳קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי נָאר אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה און מִיט תְּפִלָּה, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ זָארְגְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר לִיגְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים אוֹיף גוּטְן וֶועג, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

(קוּנְטְרֵס זָארְג נִישְׁט)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה מנחם שטיינבערג הי״ו**

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

**מו״ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי״ו**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד פון אלע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## המקום ינחם אתכם

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך משתתף מיט די צער און ווייטאג פון

**מו״ה מנשה איצקאוויטש הי״ו**

וואס טרויערט אויף די פטירה פון זיין טאטע

**ר׳ צבי דוב בן ר׳ אברהם משה הלוי ז״ל**

***

**מו״ה יודא פריינד הי״ו**

וואס טרויערט אויף די פטירה פון זיין טאטע

**ר׳ אברהם יעקב בן ר׳ שלום יוסף ז״ל**

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

## קאראנע ווירוס!

קאראנע ניגונים, קורצע און לענגערע שיעורים איבער די קאראנע ווירוס, קאראנע חדר, קונטרסים, תפלות, אינטערוויוס, און נאך:

**קול ברסלב**

**212-444-9191 1, 1, 7**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**